מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

זכרון ראובן יוסף
לע"נ הרה"ח ראובן יוסף
בן מו"ה אלכסנדר זושא ז"ל

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **ויקהל פקודי - ויקרא** תשפ"א ◆ עלון מס': **61**

## דברים שבלב
אויסציגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### גרויסע 'חידושים' מיט גרויסע 'רווחים'

די גמרא אין מסכת תענית [דף ט' ע"א] דערציילט אונז איבער א באגעגעניש צווישן דער הייליגער אמורא רבי יוחנן און זיין פלימעניק, דער יתום, דער זון פון דער אמורא ריש לקיש.

ביים באגעגעניש האט דער פלימעניק געפרעגט זיין פעטער פארוואס ווען עס רעדט זיך פון די מצוה פון מעשר באנוצט זיך דער פסוק מיט א דאפעלטער לשון 'עשר תעשר', עס וואלט דאך געקענט שטיין איינמאל 'עשר'?

דער אמורא רבי יוחנן האט אים געענטפערט אז די תורה שרייבט עקסטער א דאפעלטער לשון אויסצולערנען אז 'עשר בשביל שתתעשר'. די תורה איז מבטיח פאר א מענטש אז אויב וועט ער געבן 'מעשר', וועט ער ווערן אן 'עושר'. די תשובה האט שטארק געפאלן פאר'ן פלימעניק, אבער ווייל מיר טרעפן נישט אין קיין שום אנדערע ארט אז די תורה זאל צוזאגן פאר א מצוה שכר אויף די וועלט, האט דער פלימעניק צוריקגעפרעגט פאר'ן פעטער פון וואו נעמט ער דעם דין? ר' יוחנן האט אים געזאגט אז ער קען עס אויספראבירן, אויב ער וויל, אבער דער פלימעניק איז נאכנישט געווען רואיג. צי מעג מען דען אויספראבירן השי"ת?

"ביי מעשר מעג מען", האט ר' יוחנן געענטפערט און אראפגעברענגט די ווערטער פון דעם הייליגן נביא אין מלאכי הביאו את כל המעשר.... ובחנוני נא בזאת... אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די.

פארוואס עפעס די ווערטער 'די'? ווייל אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין דער ווארט 'די' וועט מען באמערקן אז דער 'ד' ציילט זיך צו זיין פון די אותיות וואס ביים עס ארויסזאגן מוז מען זיך באנוצן מיט די 'צונג' און ארויסצוזאגן דער אות 'י' מוז מען זיך באנוצן מיט דער באק. עס קומט אויס אז ביים ארויסזאגן די ווארט 'די' מוז מען האלטן אפען די מויל און אז דער מויל איז אפען קומט אריין לופט און טרוקענט אויס די ליפן און דאס איז פשט אין דער המשך הפסוק 'עד שיבלו שפתותיכם מלומר' ווייל די ליפן ווערן אויסגעטרוקענט פון זאגן 'די'.

פאר'ן געבן מעשר געלט איז די תורה הק' מבטיח שכר נאך אויף די וועלט, אפילו אז איבעראל איז דער כלל אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, איז אבער דא אן אויסנאם אז אויסער די שכר וואס עס איז אים אוועקגעלייגט אויף יענער וועלט, באקומט מען אויך שכר אויף די וועלט.

דער רבי, אין חובת הלבבות פרק ד' חלק חמישי לייגט צו דערצו נאך א וויכטיגע נקודה. ארומרעדנדיג איבער די מצוות וואס א מענטש דארף מקיים זיין בין אדם לחבירו זאגט ער אז אזוינע מצוות זאל א מענטש מקיים זיין ווייט אוועק פון דער מענטשליכער אויג, ער זאל עס באהאלטן פון ווער עס דארף נישט וויסן, און ער פירט אויס אז ווען ער איז מקיים די מצווה בהסתרה איז ער זוכה אז זיין שכר וועט זיין פילפאכיג גרעסער, ווי אויב מען וועט וויסן ווער עס איז דער געבער, און כלשון קדשו: **כי בהיותו נסתר, יהיה שכרו יותר גדול ממה שיהיה אם יהיה נודע.**

לויט דעם קומט אויס אז ווען מען געבט מעשר 'בסתר' איז מען זוכה סיי צו די געוועגליכע עשירות וואס עס איז אנגעגרייט פאר איינער וואס געבט מעשר, און ווייל עס איז 'בסתר' איז ער זוכה אז **'שכרו יותר גדול'.**

עס איז אוממעגליך אז מיר זאלן וויסן וואס געגוי דער רבי האט געמיינט מיט די ווערטער אז זיין שכר וועט זיין גרעסער. דער ווארט 'גרעסער' קען האבן אסאך באדייטן. עס קען זיין 'עשירות' בפשטות, אבער נישט אייביג איז 'עשירות' א ברכה. אסאך מאל זעט עס אויס גוט אינדרויסן אבער פאר'ן עושר איז ביטער אויפ'ן הארצן, אבער מיט די דאפעלטע ברכה פאר געבן מעשר בסתר איז מען זוכה צו אלע גוטע ברכות און מען ווערט געבענטשט סיי מיט 'שכר' און סיי מיט 'שכר גדול' און די ברכה קומט אריין.

זאל מען זוכה זיין צו זיין פון די געבערס און מיט א פרייליך הארץ, עס זאל מקויים ווערן דער פסוק והריקותי לכם ברכה עד בלי די, אמן.

[ארויסגענומען פון שיעור 169 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### ווען דער פראפעסאר פארשטייט נישט: פארוואס דארפן זיי מיר האבן?

די וועלט אין וואס מיר לעבן איז פול מיט שוועריגקייטן. רעדנדיג די וואך מיט א יונגערמאן וואס מאכט אויסערליך אן איינדרוק פון א דורכשניטליכער יונגערמאן, בין איך געווען שאקירט צו הערן וויפיל דער יונגערמאן מאכט מיט אין זיין טאג טעגליכער לעבן.

עס איז א וועלט מיט פארמעסטונג, אבער ווען מען ווייסט אז מען ליידט נישט אומזינסט, אז אלעס איז מיט חסדים ורחמנות, אז פאר יעדער שוועריגקייט איז דא א רפואה, ווערט גרינגער דער פעקל אויפ'ן פלייצע.

דער הייליגער רלב"ג אין זיין פירוש אויף משלי [קאפיטל ג] שרייבט אז די לעזונג צו יעדער זאך ליגט אין די תורה. די תוה"ק ווערט אנגערופן מיט'ן לשון 'דרכיה דרכי נועם', זי איז זיס און דאס איז אזוי כפשוטו אז זי מאכט זיס פאר'ן מענטש, עס ברענגט שלום און פרידן פאר דער וואס לערנט איר, דורך דעם קען זיך דער מענטש היילן פון אלע זיינע קרענק, סיי פיזישע און סיי גייסטישע.

דער חשובער מגיד שיעור הרב ר' דוד קלעצקין שליט"א האט ביי איינער פון זיינע שיעורים אין ספר שער הבטחון ציטירט הגה"ח ר' שמואל יעקב איידליס שליט"א, א איד וואס העלפט אסאך ארויס אנדערע אידן מיט גייסטישע שוועריגקייטן, אז ער האט אמאל רעדנדיג מיט דאקטאר שפירא, א וועלט'ס מומחה אין רפואת הנפש פון די הדסה שפיטאל, האט ער אים געזאגט אז ווען א גוי קומט צו אים אויף הילף, פארשטייט ער אים, ווען א איד וואס איז נישט ערליך קומט צו אים פאר הילף - פארשטייט ער אים, אבער ווען עס קומט צו אים א איד וואס לערנט חובת הלבבות - קען ער אים נישט פארשטיין. פארוואס קומט ער צו אים? ער האט דאך ביי זיך אין די קעשענע די בעסטע רפואה פאר זיינע שוועריגקייטן, עס איז צו די האנט, עס איז אומזינסט? אנשטאט דעם קומט מען צו אים? עס איז דאך א שאד.

לעבן מיט 'בטחון' איז די בעסטע רפואה פאר אלע מחלות! דער מלבי"ם ערקלערט דער פסוק: בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטמו, אז איינס גייט געקניפט אין די אנדערע. אז עס איז דא דער 'בטחו' איז דא דער 'ותפלטמו' מען ווערט געראטעוועט פון אלע צרות.

אז מען לעבט מיט בטחון פארדינט מען פון אלע זייטן. מען טרעפט רואיגקייט, שלווה, זיכערקייט, אין די לעבן. עס האט אלע מעלות. טייערע אידן! לאמיר נוצן די גרויסע מתנה וואס מיר האבן, יעדער פון אונז וועט זיך אדער קובע זיין א שיעור אין שער הבטחון, אדער אויסהערן די האטליין און טוישן אונזער לעבן. טאג טעגליך זענען אידן מעיד אז זייער לעבן האט זיך געענצליך געטוישט דורך די בטחון שמועסן.

פראבירט עס אויס און צייגט אייך אליין איבער.

א גוט שבת
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 ◻ פון אמעריקע 1-605-31-31-719 ◻ פון ענגלאנד 0-330-3900-489 ◻ פון בעלגיע 033-696-766
פון דרום אפריקע 87-551-8521 ◻ פון ארגענטינע 3988-4031 ◻ פון אוקריינע 380-947-100-633 ◻ פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## כי בשמחה תצאו

עס דערציילט ר' נטע סלאנים בשם זיין גוטער חבר ר' יעקב פון בני ברק:

אין א גוטע שעה איז אנגעקומען די צייט ווען מיין זון האט געדארפט גיין אונטער די חופה. מיין מאמע תחי' וואוינט אין לאנדאן. זי האט זיך געגרייט צו קומען צו די חתונה, אבער צוליב די שווערע און פארמערטע רעגולאציעס, האט דער זאך אנגעהויבן אויסזען מער און מער קאמפליצירט.

מיין מאמע תחי' איז אריבער די קאראנע. זי האט זיך ב"ה ערהוילט און האט געהאט א צעטיל פון א דאקטאר אז זי איז שוין ערהוילט, נאר פונקט דעמאלטס איז דער לופטפעלד אין ארץ ישראל געווען אפגעשפארט, אין יוצא ואין בא.

צו מיין מזל, פונקט א טאג פאר די חתונה, האט מען צוריק געעפנט די גרעניצן און מיין מאמע האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. עס האט געהייסן אז זי וועט אנקומען אין די טאג פון די חתונה און קענען זיין ביי די שמחה.

עס איז געווען זונטאג משפטים, דער טאג פון די חתונה, ווען איך האב זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום עירפארט אפצונעמען פון דארט מיין מאמע תחי'. איך קום אן דארט צו די באשטימטע שעה. איך האב געווארט און געווארט אז זי זאל ארויסקומען אבער זי קומט נישט ארויס.

גיי ווייס וואס עס האט פאסירט מיט איר? זעענדיג אז זי קומט נישט ארויס, האב איך איר אריינגעקלינגען. זי האט אויפגעהויבן און זי האט געענטפערט.

"מאמי, וואס גייט פאר, וואו ביסטו?"

זי איז געווען אינגאנצן פארלוירן. זי האט בשום אופן נישט געקענט טרעפן די ערהוילונגס צעטל. זי האט געזוכט וואו זי האט נאר געקענט, אבער עס איז נישטא, נישט טרעפנדיג די צעטל האט מען איר גענומען אין א 'קאראנע האטעל'.

איך האב זיך פארבינדן צו איינער פון די עסקנים. יענער האט געזאגט אז ער וועט זען וואס ער קען טון ווען דערווייל קומט זי אן צו די 'עץ הזית' האטעל אין ירושלים עיה"ק, מען האט איר אריינגעלייגט אין א צימער און זי איז געבליבן זיצן דארט אוןווארטן ווען אין יענע שעה גרייט זיך איר אייניקל צו גיין אונטער די חופה.

זיצנדיג אזוי אין איר צימער האט מיין מאמע באשלאסן אז עס איז זיכער אז וואס השי"ת טוט איז גוט, עס איז נישט דא קיין מקרה אויף די וועלט. אז מען האט פון הימל אזוי געפירט איז עס זיכער גוט און אנשטאט זי זאל זיין צוגעלייגט גייט זי מיטהאלטן די שמחה פונדערווייטענס.

זי האט געעפנט איר רענצל און פון דארט ארויסגענומען די חתונה קליידער. זי גרייט זיך עס אנצוטון. זי שטעקט אריין די הענט אין די קלייד און וואס טרעפט זי? די ערהוילונגס צעטל פון דעם דאקטאר.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אינדערצייט וואס זי האט געפאקט האט זי געמאכט א חשבון אז זיכער וועט מען איר בעטן די צעטל און זי וויל עס האבן צו די האנט. אין וויסטן חלום איז איר נישט איינגעפאלן אז די צעטל וועט מען בעטן שוין ווען זי וועט אריינקומען אין ארץ ישראל.

האבנדיג די צעטל אין די הענט, האט זי שוין באלד געקענט פארלאזן דעם האטעל, און ביי די חופה איז זי שוין געווען אנוועזנד.

## א באקוועמע קאוטש

עס דערציילט ר' יהודה קליין פון די שטאט ביתר:

ווען מיין ברודער האט מיר אריינגעקאללט פארלאפענער דאנערשטאג פרשת תרומה און געפרעגט צי איך וויל אפשר א קאוטש פאר אומזינסט? האב איך אים געענטפערט אז כ'וועל עס איבערטראכטן. איך האב געטראכט אז איך וויל עס ערשט איבעררעדן אין שטוב, אבער ביז איך האב זיך געגעבן א דריי איז שוין דער דעליווערי געווען ביי מיין שטוב.

מיין ברודער האט גערעדט פון איין קאוטש, אבער דער ברענגער האט געברענגט דריי קאוטשעס. מיט איינס האב איך נאך וואס צו טון אבער וואס טוה איך מיט דריי? איך האב זיך נישט פארלוירן. איך האב אריינגעקלאפט צו מיין שכן און אים געפרעגט צי ער וויל א קאוטש.

א קאוטש? פרעגט ער, ווען עס דערקענט זיך אז ער איז גערירט ביז צו די טיפסטע טיפענישן.

יא, א קאוטש.

"זיכער, וויל איך".

נאכ'ן אריינפאסן די קאוטש אין זיין שטוב זאגט מיר דער שכן אז ער וויל מיר דערציילן א מעשה:

עס איז שוין א לאנגע צייט וואס מיר ווילן זיך קויפן א קאוטש, אבער מיר האבן נישט געהאט גענוג געלט דערצו. זוכנדיג ווי אזוי מיר קענען עס יא קויפן האבן מיר באשלאסן אז מיר האבן אין שטוב אן אלטער קערידזש, מיר וועלן פארקויפן די קערידזש און פון די געלט וועלן מיר זיך קויפן א קאוטש.

מיר האבן אזוי געטון. מיר האבן אדווערטייזט אז מיר פארקויפן א קערידזש, אבער קיין סאך קליענטן איז נישט געווען דערויף. א וואך דערויף האט איינער געקלינגען זאגן אז ער וויל עס קויפן און זיך אנגעהויבן דינגען אויף די פרייז. אריינגייענדיג טיפער אין א שמועס האט זי דערציילט אז זי האט רח"ל א קראנקער קינד אין שטוב און זי דארף עס פאר'ן קינד. זי האט גערעדט מיט אזא צובראכנקייט אז מיר האבן

## אז מען זעט - דארף מען נישט גלייבן

די מעשה וואס איר האט מפרסם געווען דא אין דעם גליון פון פרשת ויחי-שמות האט מיר זייער שטארק געכאפט. איר האט דערציילט דא איבער א איד וואס האט נישט געהאט קיין אייגענע דירה און זוכנדיג א סגולה ער זאל זיך צוטרעפן א גוטע דירה האט ער באשטעלט א מזוזה פאר זיין נייע דירה און ער איז געהאלפן געווארן נאך א שטיק צייט.

די מעשה האט מיר זייער באנומען. מיין פאך איז סופרות. לייענענדיג די געשיכטע האב איך באשלאסן אז מהיום והלאה גיי איך טאג טעגליך אראפציפן פון מיין ארבעט און מיר שרייבן א מזוזה. איך האב טאקע אזוי געטון און אין לויף פון די גאנצע וואך פון פרשת שמות ביז זונטאג וארא, האב איך יעדן טאג געשריבן אביסל פאר די מזוזה וואס וועט בעזר השם באשיינען מיין אייגענע דירה.

איך האב נישט קיין אייגענע דירה, אבער איך האב א שטוב מיט קינדער און כ'בין אפילו א מחותן און מיר גרייטן זיך צו די חתונה פון מיין בכור. שטייענדיג געציילטע טעג בעפאר די חתונה, בין איך זונטאג פרשת וארא, אריבערגעפארן צו מיין רבי'ן ער זאל בענטשן מיין זון צו די חתונה.

דער רבי האט מיר שיין אנגעווינטשן, און ענדע געט ער מיר א זאג.

"ווייסט דאך, ווען א איד מאכט א שמחה, קומט אראפ א גרויסע שפע פון הימל, מען דארף נאר גלייבן אין דעם, אז מען גלייבט אין דעם קען מען זיך קויפן גרויסע זאכן, נו, אפשר קויפסטו זיך א דירה"?

"פאר דעם חתן"? פרעג איך דעם רבי'ן.

"ניין. פאר דיר. דו דארפסט דאך האבן אן אייגענע דירה".

איך בין געבליבן שטיין אן ערשטוינטער. עס איז אריבער בלויז א וואך פון ווען איך האב אנגעהויבן שרייבן די מזוזה פאר מיין דירה און דא רעדט שוין מיין רבי צו מיר איבער זיך קויפן א דירה. איך האב אנגעהויבן זאגן פאר'ן רבי'ן אז עס איז נישט קיין רעאלישער געדאנק, עס איז טייער, עס קאסט אסאך געלט, אבער דער רבי האט נישט נאכגעלאזט.

"אמונה איז א המשכה, אז דו וועסט גלייבן דערין, וועסטו זען ווי פון הימל העלפט מען דיר שוין".

איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי צו רעאגירן. דער רבי האט אבער געשטופט מיט'ן גאנצן כח. איידער איך בין ארויס פון צימער רופט מיר דער רבי צוריק. אויפ'ן טיש איז געלעגן א גמרא, דער רבי פרעגט מיר, דו גלייבסט אז עס דא א גמרא אדער דו זעסט די גמרא".

"איך זעה", האב איך געענטפערט.

"זייער גוט, אז דו וועסט אזוי גלייבן אין די המשכה וועסטו קענען קויפן א דירה".

ווען כ'בין אהיימגעקומען און דערציילט פאר מיין פרוי וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביים רבי'ן אין שטוב האט זי זיך צוגעכאפט דערצו און מיר אנגעהויבן צושטופן דערצו מיט'ן גאנצן כח. אין איר זכות האב איך גלייך אויפגעהויבן א טעלעפאן צו א מעקלער.

איך האב נישט באהאלטן פון דער מעקלער אלע

נאכן אויסוועלן א שפראך קענט איר הערן די מעשיות

ווילט איר ווערן אינטערוויוט איבער א געשיכטע וואס איר האט מיטגעלעבט?

דורך אויסהערן אפאר מינוט פון טאג דעם

מיינע מחשבות. איך האב אים געזאגט אז כ'האב נישט קיין געלט אבער איך פארלאז זיך אויף השי"ת. איך האב אים געזאגט אין וועלכע שטאט איך וויל וואוינען און אז אויב קויפט מען שוין א דירה זאל עס זיין א גרויסע דירה, אין די בעסטע צענטער, מיט אלעס וואס א דירה דארף.

דער מעקלער הערנדיג מיינע פאדערונגען האט זיך אנגערופן צו מיר אז ער האט פאר מיר א גוטער זאך, די פרייז איז 2 מיליאן שקל מיט 600 הונדערט טויזנט שקל [כמעט אכט הונדערט טויזנט דאלער], צי וויל איך עס קומען זען?

איך האב גלייך געזאגט אז יא! אינאיינעם מיט מיין בני בית זענען מיר אריבער זען די דירה. עס איז טאקע געווען א כליל המעלות און צו אלע מעלות האט עס נאך געהאט א גרויסער דאך העכער די דירה, די דאך איז געווען אריינגערעכנט אין דער פרייז.

"איך וויל שליסן", האב איך א זאג געגעבן פאר'ן מעקלער.

"אבער עס איז אסאך געלט! האסט אזויפיל"?

"ניין, אבער אז דער רבי האט געהייסן וועט זיין גוט".

דער מעקלער האט נישט געפרעגט קיין שאלות. אויך ער האט געקויפט בשעתו זיין דירה אין זכות פון זיין אמונה און מיט דער שטופ פון זיין רבי, און אינאיינעם האבן מיר באשטימט א דאטום ווען מיר גייען חתמ'נען די קאנטראקט.

דער טאג וואס מיר גייען חתמ'נען די קאנטראקט איז געווען באשטימט אויף זונטאג פרשת בא, דער טאג וואס מיין קינד גייט אונטער די חופה. איך האב זיך באגעגנט מיט דער מוכר און יענער האט אנגעהויבן פארצולייגן א פעימענט פלאן.

עס איז מיר שלעכט געווארן פאר די אויגן. פון וואו וועל איך נעמען אזוינע סומעס? איך האב אפגעשטופט די קאנטראקט אויף דינסטאג, צוויי טעג נאך די חתונה, גלייבענדיג אז אין די ימי השמחה קומט נאך אראפ די שפע. אינצווישן בין איך נאכאמאל אריין צום רבי'ן און אים דערציילט וואו עס האלט און איבער די פעימענטס וואס כ'דארף מאכן ווען כ'פרעג אים וואס ער זאגט, צי זאל ווייטער גיין מיט'ן חתמ'נען.

"אז דו וועסט גלייבן וועסטו האבן".

יענעם דאנערשטאג האבן מיר גע'חתמ'ט קאנטראקט. מיינע טאשן זענען געווען ליידיג. מיין מח האט געשפינט געדאנקען פון וואו איך קען שאפן דאס געלט, קיין גרויסע איינפאלן איז מיר נישט אויפגעקומען, אבער אינצווישן זענען מענטשן געוואויר געווארן אז איך האב געקויפט די דירה און מען איז מיר געקומען פרעגן צי איך וויל פארקויפן די דאך.

אין אנהייב זענען די הצעות געלאפן ארום זעקס הונדערט טויזנט שקל, אבער שפעטער איז עס ארויף צו א מיליאן שקל. איך האב געפרעגט מיין רבי וואס ער זאגט דערצו? ער האט געגעבן זיין צושטימונג איך זאל פארקויפן די דאך.

עטליכע טעג שפעטער האב איך גע'חתמ'ט א קאנטראקט פון א מיליאן שקל אויף די דאך, אזוי אז איך האב געהאט צו באצאלן די ערשטע פעימענטס. שרייבנדיג די שורות האלט איך שוין נאכ'ן פעדערן צוויי פעימענטס און אויף פסח גייען מיר שוין אריין אין די דירה בעזר השם.

איך ענדיג מיין מעשה דערציילנדיג אז אין מיין לעבן האב איך נישט גע'חלומ'ט אז איך וועל אמאל האבן אן אייגענע דירה און בפרט נישט אזא שיינע און גרויסע רחבות'דיגע דירה, אלעס איז וועגן די אמונה.

ביים קוועטשן 1 פאר אינטערוויוס דרוקט קנעפל 6 > 5

לאזט איבער א קלארע מעסעדזש אויף קנעפל 3 > 4 נאכן אויסוועלן א שפראך

באשלאסן אז מיר געבן עס אוועק גענצליך אומזינסט.
מיר האבן צוריקגערופן זאגן אז מיר האבן באשלאסן אז מיר געבן עס איר אוועק. זי איז געווען אזוי גערירט און גלייך געשיקט א קינד עס נעמען.

"וועסט נישט גלייבן". האט דער שכן אויסגערופן א באגייסטערטע.

"זיי זענען ממש יעצט דא געווען, און פון הימל האט מען אונז געוויזן אז פאר גוטע זאכן באצאלט מען גלייך, א שטיק צייט דערויף קלאפסטו אריין און פרעגסט צי מיר ווילן א קאוטש"...

## א מתנה פון השי"ת

איך וואוין אין אשדוד. מיין קליין קינד האט א ביציקל אבער זעענדיג אז זיין חבר האט א סקאוטער ביציקל האט ער מיר געבעטן איך זאל אים אויך קויפן א סקאוטער.

איך האב אים געוואלט קויפן. ער איז מיין בן יחיד, אבער איך האב דאך נישט קיין איבריגע געלט.

"איך קען נישט יעצט, אבער קענסט בעטן פון השי"ת ער זאל דיר שיקן".

דאס קינד האט עס אנגענומען און מיט תמימות איז ער געגאנגען אין א זייט און מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל אים שיקן א סקאוטער.

א וואך איז אריבער פון די געשעעניש. מיין פרוי איז מיטגעגאנגען אינאיינעם מיט מיין שוויגער אויף א מיטינג מיט א גרויסער בראוקער. מיין שוויגער איז די אנפירער און זי קויפט איין פאר די געשעפט. א לענגערע צייט האט געדויערט דער איינקויפן און דער בראוקער האט זיי פארגעשלאגן אלע סחורה וואס ער האט.

צווישן אנדערע האט מיין פרוי באמערקט אז עס איז דא דארט א סקאוטער. זי האט שוין געהאט געטראכט אז זי גייט עס נישט קויפן אבער זי האט געטראכט אז ערשט וועט זי הערן פון דעם בראוקער וויפיל דארף צו קאסטן אזא סקאוטער.

דער בראוקער האלטנדיג נאכ'ן שליסן א גרויסער דיל, האט א זאג געגעבן פאר מיין פרוי, נעם עס, אומזינסט, א מתנה פאר די קינדער.

ווען מיין פרוי האט זיך אומגעקערט אין שטוב מיט די סקאוטער איז מיין קינד געווען אויסער זיך פון שמחה, מיין פרוי האט אים געוואלט דערציילן ווי אזוי דער זאך איז צושטאנד געקומען אבער ער האט נישט געוואלט הערן, פון זיין זייט איז עס איז געווען א מתנה פאר אים - דירעקט פון השי"ת.

## מרדכי, עס איז א נסיון!

מיט פערציג יאר צוריק האט אין דער עיר ואם בישראל וויליאמסבורג געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' מרדכי פארגאסקי ז"ל.

ר' מרדכי איז געווען א איד וואס האט שטענדיג געלעבט מיט א זעלטענע שטארקע אמונה, יעדע מאל ווען עס איז אים אונטערגעקומען א נסיון אין אמונה, האט מען געקענט הערן ווי ער רעדט צו זיך אליין און זאגט די ווערטער: מרדכי, געדענק, עס איז א נסיון, דער יצר וויל דיר צוברעכן, לאז זיך נישט!

איין נאכט, בערך עלף אזייגער, בין איך אריין אינעם לאבי פון א גרויסער אפארטמענט געביידע און כ'טרעף דארט ר' מרדכי. ער דרייט זיך ארום פון איין זייט צו די צווייטע און מורמלט צו זיך די דערמאנטע ווערטער: מרדכי, געדענק, עס איז א נסיון, דער יצר וויל דיר צוברעכן, לאז זיך נישט! די ווערטער האט ער איבערגעזאגט איינמאל נאכ'ן צווייטן ווען ער דרייט זיך ארויף און אראפ אין צימער.

"עפעס איז געשען, ר' מרדכי"? פרעג איך אים.

"יא, איך האב פארלוירן מיינע שליסלעך, איך קען נישט אריינגיין אין מיין דירה".

"וואו האסטו זיי פארלוירן?". האב איך אים געפרעגט.

"אין גאס, עטליכע גאסן אוועק פון דא".

"נו, איז וואס שטייסטו דא, גיי זוך עס אויף דארט".

"ווייל דא האב איך באמערקט אז עס פעלט מיר און כ'בין זיכער אז פון הימל וועט מען מיר עס שיקן ביז דא".

ער האט אפגעזאגט זיינס און זיך ווייטער געדרייט אהין און אהער זאגנדיג די דערמאנטע חיזוק ווערטער, איך בין געווען נייגעריג צו זען וואס עס גייט זיך אויסקאכן. איך בין געבליבן שטיין אויפ'ן ארט ווארטנדיג צו זען וואס גייט זיין.

עס איז אריבער עטליכע מינוט און וואונדער, די טיר עפנט זיך אויף און א גוי קומט אריין, אין זיין האנט האלט ער א בינטל שליסלעך און ער פרעגט הויעך אויפ'ן קול צי האט איינער דא אפשר פארלוירן שליסלעך?

ר' מרדכי איז צוגעגאנגען צום גוי און געזאגט: יא! דער גוי האט אים געגעבן זיינע שליסלען. ר' מרדכי האט עס איבערגעקוקט און עס איז טאקע געווען זיינע שליסלעך. ר' מרדכי האט גענומען די שליסלעך און איז צוגעגאנגען מיט דעם צום טיר און געעפנט זיין טיר, ביי אים האט נישט פאסירט דא עפעס עקסטער, אבער איך, זייענדיג באגייסטערט פון וואס עס האט דא פאסירט, בין איך צוגעגאנגען צום גוי און אים געפרעגט פארוואס עפעס האט ער אהערגעברענגט די שליסלעך דא.

"איך ווייס אליין נישט", האט דער גוי געזאגט און דערציילט: "איך האב געטראפן די שליסלעך עטליכע גאסן אוועק פון דא. איך האב אנגעהויבן גיין מיט דעם ווייטער, ווען פלוצלונג גיי איך אריבער דעם בנין. איך האב געמאכט צו מיר א חשבון אז דא וואוינען דאך אסאך מענטשן, אפשר געהער עס צו איינעם פון דא, איך בין אריינגעקומען אהער און געפרעגט צי עס געהער צו איינעם פון דא און עס איז טאקע אזוי געווען".

די טענה פון דעם גוי איז בכלל נישט געווען לאגיש, אויך איך האב געמוזט מודה זיין אז דאס איז דער יד השם, פשוטו כמשמעו.

צענדליגער טויזנטער אידן וואס האבן זיך באהאפטן צו די השגחה פרטית האטליין זענען מעיד:
האטליין האבן מיר פארדינט א רואיגערע, שלוות'דיגע, שמחה'דיגע לעבן. מיר האבן נישט געגלייבט אז אזוי ווייניג - קען אויפטון אזויפיל!

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**יעדער ווייסט אז מעשר'ן די געלט ברענגט אריין א ברכה אין די געלט. עס איז דא דערביי מערערע שיטות. מיין שאלה איז צי אויך היינט זעט מען נאך אז די אלע וואס נעמען אראפ מעשר זען א ברכה אין זייער געלט און ווערן נתעשר?**

א.מ. פתח תקוה

שאלה נומער 15

### בדוק ומנוסה

**הרב חיים וואלספסאן פון ירושלים:** אין ספר אורחות חיים [כתר ראש] פון הגר"ח וואלאזשינער זצוק"ל ברענגט ער אראפ בשם רבו דער הייליגער גר"א אז ווער עס היט זיך אראפצונעמען מעשר פון זיין פארמעגן איז גאראנטירט אז עס וועט אים נישט אנקומען קיין שום היזק און ווער עס נעמט אראפ א חומש איז זיכער אז ער וועט ווערן רייך [יו"ד סימן רמ"ט ס"א] און עס וועט ווערן איינגעווארצלט ביי אים די מידה פון בטחון און הלוואי וואלטן אלע אידן איינגעהאלטן די מצוה פון מעשר, אזוי וואלט מקויים געווארן ביי זיי דער פסוק אפס כי לא יהיה בך אביון, עכ"ל. איך האב געהערט בשם הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצוק"ל אז אפילו אז עס איז דא אופנים ווען מען דארף נישט אראפנעמען קיין מעשר איז אבער ביי די וואס נעמען יא אראפ, דא די ברכה פון עשר בשביל שתתעשר און פאר דיר, שואל, זאג איך, אדרבה, פראביר עס אויס, דער פסוק זאגט דאך ובחנוני נא בזאת און וועסט זען ברכת השם.

**הרב יהושע כהן פון ירושלים:** עס איז אמת לאמיתה! פון מיין פראקטיק קען איך דיר זאגן אז פון ווען איך האב אויפגעשטעלט א שטוב פיר איך זיך אראפצושרייבן יעדע הכנסה און געבן דערפון מעשר און ב"ה עס איז קיינמאל נישט געווען אין שטוב קיין צמצום אדער מחסור.

**הרב מרדכי אברהם ראזענפעלד פון גבעת זאב:** איך האב עס געזען בחוש. ווען כ'האב צוליב א סיבה פארפעלט אראפצונעמען מעשר האב איך געהאט אומערווארטעטע שאדנס. איך האב געהערט אויף איינעם וועלכער פירט זיך אראפצונעמען מעשר, נאך איידער ער פארדינט די געלט, און ער זעט דערפון א גרויסע שפע.

### וואס איז דאס עשירות?

**הרב שמעון שלמה ראטמאן פון בית שמש און הרב משה הלוי פון בני ברק:** מען האט אמאל געפרעגט דער סטייפלער גאון אז מען זעט נישט אז סנדקאות ברענגט עשירות? דער סטייפלער גאון האט זיי געענטפערט אז עשירות איז נישט דווקא געלט, ער האט אנגעוויזן אויף זיך, אז ער איז אויך נישט רייך, אבער ער האט זוכה געווען אז זיינע ספרים זענען נתקבל געווארן בכל תפוצות ישראל. נישט אייביג איז עשירות - געלט, אסאך מאל איז עס אנדערע גוטע מתנות.

### נסתרים דרכי השם

**הרב יהודה סולימאן פון עפולה:** אין אלע דורות האט מען געוואוסט אז מפריש זיין מעשר ברענגט שפע. מיט עטליכע יאר צוריק האבן זייער אסאך אידן דערלייגט אסאך געלט, אבער יעדער פון זיי וואס האבן ערליך אראפגענומען מעשר, האבן נישט דערלייגט. מיט דעם אלעם דארף מען וויסן אז נישט אלעמאל זעט מען קלאר די ברכה. מען דארף זיך מחזק זיין מיט די אמונה און בעיקר געדענקען די ווערטער פון דעם רמב"ם [משנה תורה] אז פון געבן צדקה איז נאך קיינער נישט געווארן ארעם!

**הרב אביגדור פרידמאן פון בני ברק:** אויך ווען עס איז דא א בפירוש'ע הבטחה פון השי"ת אויף א ברכה, דארף מען געדענקען אז עס איז דא זאכן וואס האלטן אפ די ברכה פון קומען, אבער ביי מעשר, זאגט דער חפץ חיים, אין זיין ספר אהבת חסד [ח"ב פי"ט ט] אז אויך אויב עס איז דא פון די זאכן וואס חז"ל זאגן אז עס האלט אפ די שפע פון אראפקומען, וועט אבער די מצוה פון מעשר גובר זיין אז די שפע זאל נישט ווערן אפגעהאלטן, לכל הפחות אויף אזויפיל אז עס זאל נישט פעלן פון וואס מען דארף.

### א שאלה פאר גליון 63

**אין חובת הלבבות ווערט געברענגט אז א מענטש זאל אכט געבן ווען ער טוט השתדלות פאר גשמיות'דיג צרכים, נישט צו טון השתדלות איבער די מאס. מיין שאלה איז, צי ביי רוחניות איז אויך אזוי, ווי למשל מקרב צו זיין רחוקים? צי ביי אזא זאך פאדערט זיך יא פון דעם מענטש צו טון אסאך השתדלות אדער ווייניג איז גענוג?**

א.ש. אשדוד

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת צו. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

### א איד ווערט געבוירן מיט א זאק פון געלט אין די הענט

די תוה"ק דערציילט אונז אז פאר משה רבינו איז שווער געווען צו פארשטיין וואס איז דאס א מחצית השקל ביז השי"ת האט אים פון הימל געוויזן א מטבע של אש. איך האב געהערט א שיינער געדאנק, וואס ערקלערט וואס איז שווער געווען פאר משה רבינו.

משה רבינו האט געוואוסט אז מיט די געלט גייט מען בויען א משכן. די משכן איז דאך די גרעסטע השראת השכינה וואס איז דא אויף די וועלט, ער האט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי בויט מען אזא זאך מיט אזא גשמיות'דיגע זאך ווי געלט? דערויף האט השי"ת געוויזן א מטבע של אש. מיט דעם האט אים השי"ת געוואלט ווייזן אז געלט קען אויך זיין א דבר רוחני, בתנאי אז מען ווייסט אז עס געהער פאר השי"ת און מען בינדט עס אן מיט גוטע זאכן און עס קען זיין אזוי גוט, אז מען קען דערמיט בויען א הויז פאר השי"ת.

דאס איז א לימוד פאר אונז אידן אז מיט געלט קען מען טון גוטע זאכן.

מ'דערציילט אז כ"ק אדמו"ר מצאנז-קלויזנבורג זצוק"ל האט אמאל געפרעגט א איד צי ער איז קובע עיתים לתורה? דער איד האט געזאגט אז ער איז אזוי טרוד מיט די פרנסה, אז ער האט נישט קיין צייט פאר תורה.

האט אים דער רבי געזאגט אז עס קען נישט זיין אזא זאך אז השי"ת זאל געבן מער געלט פאר איינער וואס איז זיך נישט קובע עיתים לתורה ווי א קובע עיתים. נאר וואס? ווען א איד ווערט געבוירן גיבט מען אים פון הימל א זאק מיט געלט. א איד וואס איז זיך קובע עיתים, באקומט זיין זאק, איינער וואס איז זיך נישט קובע, זאגט מען אים פון הימל, דו קענסט דאך אזוי גוט, זיי זיך אליין מסדר....

נישט לאנג צוריק איז א בן תורה געקומען צו מיר דערציילנדיג אז ער ליידט פון שווערע חובות. זוכנדיג צו פארגרעסערן זיינע הכנסות האבן מיר געזען אז עס איז אן אוממעגליכער זאך. א גאנצן טאג איז אויסגענוצט אויף תורה, יעדע נייע ארבעט, אפילו די קלענסטע, גייט אויפ'ן חשבון פון תורה.

נו, וואס טוט מען אין אזא פאל? מ'פארלאזט זיך 'נאר' אויפ'ן באשעפער. א שטיק צייט איז אריבער און זיין מאמע, אן אלמנה, האט אים געבעטן ער זאל קומען וואוינען ביי איר. דערפון האט ער פארדינט סיי אז ער לעבט אויף די קאסטן פון זיין מאמע, און סיי די רענט געלט פון זיין דירה.

אזוי דעקט ער זיינע חובות און לעבט בהרחבה ווען ער זיצט ווייטער על התורה, ווייל פאר'ן באשעפער פעלט נישט קיין וועגן ווי אזוי צו שפייזן א איד!

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

מיין טייערער זון איז דער פארגאנגענער פורים ארויס פון שטוב מיט א משלוח מנות אין זיין האנט. זייענדיג אויפ'ן וועג האט ער זיך אויסגעגליטשט און די משלוח מנות איז אראפגעפאלן אויף די ערד, זיין פארשטעלעכטס האט זיך צוריסן, ער איז אהיימגעקומען אין שטוב מורא'דיג צובראכן און פארוויינטאגט.

פאר אונז, די עלטערן, האט זייער ווי געטון צו צוזען אונזער קינד אין אזא צושטאנד, אין אזא פרייליכער טאג.

מיר זענען צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: וואס וועט דיר בארואיגן?

זיין ענטפער איז געווען אז נאר די נייע גליון פון 'השגחה פרטית' קען אים צוריק אויפלעבן. הערדיג דאס, בין איך געלאפן אין די שכינות'דיגע שול און אים אהיימגעברענגט א גליון. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ארט און עס געליינט און נאך אפאר מינוט איז ער געווען רואיג און שמייכלדיג, ווי אלעמאל.

**מצד די געבער**

איך האב געהאט שוועריגקייטן אין פרנסה, איך האב געשפירט ווי איך קריך נישט ארויס פון דעם. איך האב צוגעזאגט אז אויב איך וועל ארויסקריכן פון מיינע שוועריגקייטן וועל איך תורם זיין פאר די גליון 1,080 שקל כמנין מצר תצרני, ברוך השם דער באשעפער האט מיר געהאלפן און כ'בין ארויס פון מיינע שוועריגקייטן און כ'האב פארדינט א גרויסע סומע געלט.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


# אן אייביגע הנצחה

**נתנדב גיווארן**

לעילוי נשמת

מורינו מוה"ר **אלכסנדר זושא**

ב"ר **מרדכי מנחם** ז"ל

עלה למרום ב' אדר א' תש"ס

מרת **מלכה** ע"ה בת ר' **משה**

עלתה למרום כ"ט שבט תנש"א

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה